# דיא פרויען

אדער

דער טוידעס ענגיל (מלאך המות) אין שפאן דער עהע (הייליגען לעבען).

## ווארשא

שנת תרל״ב לפ״ק

## ДІИ ФРАУЕНЪ,

или разсужденія и разсказы о женщинахъ

Сочиненіе И. Копелевича.

ВАРШАВА.

въ Типографіи И. Гольдмана,

Муранowska № 24.

1872.

1/82266

AN ANTHOLOGY OF MISOGYNIST LIT. INCLUDING SCRIPTURES, BEN SIRAH, SCHILLER & A LIVELY TALE OF THE ANGEL OF DEATH

1/68266



(1)

איין עטוואס איבער דעם צו שטאנד פון
פרויען אין דיא אלטע צייטען אין אלע לענדער .
אונד אזוי נאך איצונד אין דיא מדינות פון אזיע
אפריקא אונ אמעריקא ביי די ווילדע פעלקער :

וויא וייט נאר דאס מענשליכע געדאנקען קען אין דם אלטער טוהם (אין דיא גאנצפערצייטיגע יאהרען) איינדרינגען איזט אלץ אנצומערקען דאס די פרויען ווארען אום אונד אום אין יענע פינסטערע צייטען נאר וויא שקלאווינען פון זייערע מענער בעהאנדעלט . עס איז דאס דייטליך הערויס צו זעהן זעלבסט פון דעם ספר וואס איז איבער אלע ספרים . פון דעם וועלט בוך וואס ענטהאלט אין זיך איינען קלארן רעכנונג איבר דיא אונענדליכע צייט . איבר די דונקעלע געשלעכטספאלגע (סדר הדורות) פון די ערשטע פעלקער , אונ דאס איז אונזער ביבעל (תנ"ך) . זעלבסט אירע געזעצע פר פרויען ריכען (שמעקן) מיט שקלאווערי . וויא גיט דעם מאן דאס רעכט דאס ער זאל שאלטען אונ וואלטען איבער זיינע פרויא ווי איבר איינען לייב איגענען . איין פאטער האט גהאט דאס רעכט צו פערקויפן זיינע טאכטער פר איינע שקלאווין . קיינע טאכטער האט דאס רעכט גהאט צו ערבען באם עס איז איין זון דא , אונזער תורה שבעל פה , (דאס הייסט די גמרא וואס זוא איז נאר איין קאמענטאר ערקלערונג) איבר די ביבעל , פערגלייכט די פרויען אין נאך מערערע געזעצע צו די שקלאווין . דען נאך איר פסק דין געהערט אלעס וואס איין שקלאווע האט צו זיינעם הערן . אונ אלעס וואס א פרויא האט צו איר מאן ; אונ אזוי אויך אלע זייערע פערדינסטען . הן בחייהם אונ הן לאחר מותם . דען נאר ער איז

זיינער

Дозволено Цензурою.
28 Декабря 1871 г. Вильна.

BIBLICAL & POST-BIBLICAL WOMAN IS NOTHING BUT A SLAVE

זייער יורש. אונ אזו אוך האט זיי ביידן די גמרא געפאטרפ
פון אלע מצות וואס ווערן גטאן נאר אין איינער בעשטימטע
צייט (מצות עשה שהזמן גרמא). אונ דאס אין נאר וויל זייער
צייט געהערט צו דעם מאן אדער צו דעם הערן. אוך פאר
ווערט זיא צו לערנן זייא ביידען תורה. צו מצטרף זיין צו
אמוטן, און צו נעמן זייא פאר עדות;

אין דעם גרעסטן טייל פון די אפריקאנישע מדינות פערקויפן
דיא מענר זייערע פרויען פר שקלאווינען. אהער פעט שווינגן
זיא צו אנדערע מענשן. אונ אזו פלעגען זיך צו בעגיין דיא
טירקישע סולטאנען מיט זייערע פרויען דארט אין סטאמבול.
אונ אזו האט דער סולטאן בעשאנקן מיט דבויא ווייבר זיינע
דעם שבתי צבי נאך דעם ווי ער הט אנגענומן דעם טירקשן
גלויבן. אין די לענדר וואס ליגען ביים דעם גרויסען שטראם
זענעגאל טארן דיא פרויען ניט עסן מיט די מענער צו זאמען.
אונ אוך ניט פאר זייא אין דיא אויגען; אין דיא לענדער פון
אראפא פלעגן דיא פרויען אוך האבציימען צו עסן ערשט נאך
דעם אלס די מענער האבן שון אפ געשפייזט *) אוך וואר דיא
זיטע אין דיא אפריקאנישע לענדר דאס דיא שקלאווען אונ
דיא פרויען האבען ניט געטארט אוים שפרעכן דיא נעמען פון
זייערע הערען אונ פון זייערע מענער; זייא פלעגן זיך מוזן
בערינגען

*) אונ אזו וואר די זיטע אוך ביי אונז יודען נאך אין מיינע
צייטן. אונ דאהער פילייכט ווערט אנגרופן ביי אונז די דריטע
נאכט פון פסח "ווייבערשער סדר" וויל ערשט דאן האבן זיי
דאס רעכט צו זעצן זיך צום טיש, אונ דאהער פילייכט רופט
מען די שיינע טאגע וואס טרעפן איין נאך ימים טובים "ווייבר
זומער" אלץ בארום וויל זיא ווארען דיא לעצטע ביים אלע
פרייערן;



רינגען דערביי גאנץ אנדערע ערהן בענעהונגען, למשל אזו
ווי "דיא פאטר פון מיינע קינדר, דו וואס האסט מיך פאר
איינע פרויא גימאכט" אונד דאס גלייכן *) אין דעם לאנד
מאנדינגא מוזען נאך דיא פרויען ער היום מקבל פנים זיין
זייערע מענער אלס זיי קומן פון וועג נאר קניענד. אונד אזו
אוך אלס זיי דערלאנגן זיי אטרונק. אין דעם לאנד אכעם
ערבט דער קעניג יעדען מענשן וואס לאזט קיין זין נאך זיך.
עם געהערן צו אים אוך דיא טעכטר דאס זיי בלייבן נאך
אים אונפערהייראט, אונ דער קעניג פאר קויפט זייא פאר
שקלאווינען; דאהער איז קיין וואונדר דס מען ווערט דארט
אכט יאהריגע מיידכען וואס זענען שוין פערהייראט דען דיא
עלטערן טוען דאס אום צו רעטן זיי פון שקלאווען שטאנד;
באמולוס דער ערשטר קעניג פון רוים האט געגעבן אגזעץ
בייא זיך אין לאנד דאס דער מאן האט רעכט זיין ווייב צוא
פאר קויפן אבר אזו נאר צו טייטן דאס ער דער ווייסט זיא
בייא איינער אונטרייהייט אדר בייא איינער בערושונג. דיא
פרויען פון דעם רומישען קייזער יוסטיניוס פלעגן צוא שטיין
אונטר דער צוכט רוטה פון דעם שר הסריסים ווי די קליינע
קינדר אונטר דער צוכט רוטה פון זייער לעהרער. אין איינינע
לענדר פון אפריקא למשל ווי אין יוארע זענען די פרויען פון
די קיניגען די שארפריכטער. אטייל פון זיי אוך די לייבוואכע
אונ ווער קען בעשרייבן וואס זיי שטייען אוס אין די האריעמס
(ווייבר הויז) פון די סולטאנען פון די גרויסווזירן אונ פאשייען.
דיא זענן דארט ניט איינער. מינוט זיכער מיט זייער לעבן;
איינען

*) אזו וואר אוך דיא זיטע בייא אונז יודען נאך אין מיינע
צייטען דאס דיא פרויא פלעגט צו רופן איר מאן ניט מיט
זיינעם נאמן נאר "צי הערסט דו"

ANALOGOUS—ETHNOGRAPHIC

NB

איינען שרעקליכן ביישפיל דער פון איז דיא שווידערהאפטע
רציחה פון דעם פאשע אבדעלכאן וואס וואר פעלד מארשאל
אין לאנד פינאפאאור (אין אסטאינדיען) . דיזער בלוטמאן אלס
ער האט בעקומען פון זיינעם קעניג איין אסטאווקע האט ער
זיך איינגעריכטעט איינען הארעם (פרויען הויז) פון צוועליף
הונדערט שיינע אונ יונגע פרויען אונ האט אונטער זיי פערבראכט
עטליכע יאהר אין וואהללוסט וויא אין איינעם טירקישען
פאבאריון גן עדן*) אונ נאך דעם אלס עס איז גקומען איין בפעהל
פון זיינעם קעניג דאס ער זאל ווידר אביין טרעטן אין דינסט
אונ זאל ציהען מיט איינעם ארמעע געגען דאס לאנד זעפאג ,
האט ער זיך אויך עטליכע טעג איין געשלאסן אין זיינעם הארעם
אום אום צו לערען דעם פריידן קעלך (קעלעשאק) ביז דעם
דעק , אונ דער נאך אין איינע שטונדע פאר זיינע אפ רייזע
האט ער גלאזט אלע פרויען ביז איינע ערמאהדען פאר זיינע
אויגען . אונד נאר אום דיזעם גרונד דאס קיין אנדערער זאל
זיך מיט זיי ניט פרייען דאס ער וועט אום קומען אין שלאכט ;

אונ אזו האט אויך בעפולן הורדוס אויף זיינעם ברודר יוסף
צו ערמארדען זיינע פרויען דאס ער וועט אומקומען דארט אין
רוים . אין אראביען טוען די פרויען דיא שווערסטע ארבייט
בשעת די מענער ליגען זיך גאנץ געמעטליך אין צעלט אויף
דעם דיוואן אונ רייכערן דעם בעסטן טאבאק . דיא פרויען
ווידען דיא הערדען מעלקין די בהמות מאכן קעז . פיטער
וועבין קליידר . צעלטען . פאקין איין . פאקין אויס . קאכין
וואשין

*) דיא טירקען גלובן דאס זייער גן עדן לאחר מותם בשטווי
גאר אין דיזעם פערגניגען . דאס מען וועט יעדען פרומען פון
זיי מזכה זיין מיט כמה וכמה שיינע מערכען וואס בלייבן
אימער יונג אונד בליהענד . זיוא ווערן אנגרופן דיא הוריש

ADDITIONAL INFO.



וואשין . אונ בעדינען דיא מענער אזו צו הויז אונ אזו זייענדיג
אויף דיא רייזע . אונ דאס זעלביגע טוען די ווייבער אויך ביי
די ווילדע שטעטע מיט נאך מעהר פרישקייט ;

אונ נאך איז דא לענדער אין אפריקא אונ אסטאינדיען וואס
דיא פרויען ווערען צו זאמען מיט דיא שקלאווין בעגראבין
לעבעדיגערהייט מיט אירע טוטע הערן אונד מענר , אום צו
בדינען אים דארט אין יענעם עולם , גענוג בעווייזע מיינע
טייערע לעזערן דאס די פרויען וארן גירעכינט פאר צייטן אין
אלע לענדער אונ איצונד נאך עד היום אין אויזן אפריקא אונ
ביי די ווילדען אין אמעריקא אלס עכטע שקלאווינען אונ דס
איז נאר אום צווי אורזאכן , ערשטענס וויל גאט הט גשאלטין
די חוה דאס דער מאן זאל איבער איר שאלטען אונ וואלטען .
אונ צווייטענס וויל זיא איז דיא שוועכערע ;

(2)

איין עטוואס פון דעם וואס עס זאגן איבער
דיא פרויען דיא אלטע אונ נייע ספרים ;

אין דר ביבעל ווירד גישפראכין פיל גוטס פון גוטע פרויען .
מעהר אבר שלעכטעס פון שלעכטע פרויען , אונ בדרך כלל
חט זי איינע שלעכטע מיינונג פון זיי . דען דעם [illegible]עסטן אונגליק
פון דר וועלט , וואס דאס איז דר טויט איז אין איר פערשריבן
אויף חוהס רעכנונג . אויך האלט זיא דיא פרויען פיל מעהר
גענייגטער צו בעגייען אלס די מאנענליט , שלמה המלך וום
אין זיינעם ספר משלי לובט ער זייער שטארק די גוטע פרויען
אונ שענדעט נאך מעהר די שלעכטע ; זאגט זיך דער נאך
אוועק אין זיינעם ספר קהלת וואס ער האט אים גימאכט לסוף
ימיו נאר בדרך כלל , "ומוצא אני מר ממות את האשה" איך
געפינע דאס שלימער אלס דער טויט איז דאס פרויענגשלעכט
אשר

משלי



(אשר היא מצודים וחרמים לבה) זיא איז איין נעץ פאר דעם מאנספערזאהן אונ פאלשטריקן ווינד אים איר הערץ (אסורים ידיה) איהרע הענד זינה אים נאר קייטן (טוב לפני אלהים ימלט ממנה) נאר יענר וועלכער דעם ליבן גאט געפעלט ווערט גרעטעט פון איר (וחוטא ילכד בה) ווער אבער איין זינדר איזט ווערט ערגריפן פון איר (ראה זה מצאתי אמרה קהלת) איך בין עס דער גאנגין אויף ריכטיג זאגט קהלת (אחת לאחת למצא חשבון) דען איך האב פילע פרויען אום פרובירט איינע נאך דער אנדרע אום איינעם קלארין רעכנונג ארויס צו בעקומען איבר זיי (אשר עוד בקשה נפשי ולא מצאתי) איך האב נאך דעם גמאכט נאך מעהרירע אונטערזוכונגן אונ האב דאך ניט גפונין וואס איך זוכטע (אדם אחד מאלף מצאתי) אמאנספערזאן האב איך נאך גפונן ארעכטן איינעם פון טויזנד (ואשה בכל אלה לא מצאתי) אפרוי אבר אונטר אלע דיזע וועלכע איך פרובירטע ניט איינע ארעכטע (לבד ראה זה מצאתי) נאר דאס וויסע איך שון אויף קלאר (והאלהים עשה את האדם ישר) גאט האט גשאפן דעם מענשן גאנץ בראוו אונ איינפאך (והם בקשו חשבונות רבים) די פרויען אבר מאכן גרוסע פארדרוגנן. דאס הייסט גרוסע קאפ דרייעניש. דער מדרש פערטייטשט עס נאך בעסער. גאט האט דעם מענשן גשאפן דאס ער זאל זיין ריין ווי איין איינגיל וואס עס שטייט ביי זיי די ווערטער (רגל ישרה) די פרויען אבר האבן אים גבראכט דאס ער זאל דארפן געבן דין אונ חשבון. די זעלבע מיינונג זיינע איבער די פרויען איז שון אן צו שפירן ביי אים סוף משלי. דען בעפאר ער הויבט אן צו שילדרין (צו בעשרייבין) אין דעם לעצטין קאפיטל דארט ווו איין בראווע פרויא געהערט צו זיין, זאגט ער עהשטן אונ פאראוים (אשת חיל מי ימצא ורחוק מפנינים מכרה) ווער איז אבער דר גליקליכע וואס זאל איינע בראווע

פרויא



פרויא אנטרעפין? עס איז פיל וועלטינער אונ שווערער צו באקומן אלס דאס טייערסטע איידעל געשטיינע:

(3)

תלמוד

אויך אונזערע חכמי התלמוד ווייל זיי האבין גלעבט אין איין אנדערע צייט אונ אין אנדערע אומשטענדן האבין קיינע גוטע מיינונג גהאט פון דיא פרויען. וויא זאגן דאס דאס רוב פרויען זענען ערגעבין דער צובערייע (רוב נשים כשפניות הן). זיי ליידן ניט די אורחים וואס זייערע מענער לאדען זיי אין צום טיש (עיניה של אשה צרה באורחים). פערשטייען זיך אויך זויא פיל בעסיר אלס אירע מענער (ועיניה של אשה בקיאה באורחים יותר מהאיש) אונ דאס איז גאר ווייל זויא זעהן זויא אן נאר מיט איינעם קריטישען בליק. זייא ריידן זעהר פיל (עשרה קבין שיחה ירדו לעולם תשעה נטלו נשים אחד כל העולם כולו) זיי זענען זייער שטאלץ (הנשים שחצניות הן). זיי ווילן זיך איינגען איסער אלס פאר גוט בלייבטע (והאשה חונקת עצמה דניחא לה שתראה בעלת בשר). זיי ווילן בעסר שיין וואוגן אונ קליידן זיך פרעכטיג אלס גוט צו עסין (רוצה אשה שתהא בבתים מצוירין ובגדים מצוירין מלאכול עגלים מפוטמין). זיי דענקן פון אירע שמוק אונ צירונג וועלבסט אלס זיי ליגען אויף דעם טוטן בעט (עושה תכשיטיה אפילו עומדת על קברה). עס איז זייא ליבער איין יונגער מאן וואס איז אפילו גאנץ ארעם אלס איין אלטער מאן איין רייכער (אוהבת אשה בחור מסכן מזקן עשיר). זיי ליבן זיסע שפייזן (אוהבת אשה מיני מתיקה). זיי זענען ניט שטאנדהאפט (נשים דעתן קלות), זיי זענען נייגעריג צו וויסן וואס עס קאכט זיך אין דעם טאפ פון דער אנדערע (רוצה אשה לדעת מה שנתבשל בקדרה של חברתה). זיי האסען זייערע שוועגערס אונ זייערע

שניר

שניר (ומפני ששונא היא לכלתה ולחמותה) . זיי זענן זיך איטר מתקנא אין דער טיילע פון דער צווייטע (ואין אשה מתקנאה אלא בירך חברתה) . זיי האבן גאנץ ווייטע אויסזיכטן . דאס הייסט זיי דענקן איטר פון איינר צווייטע אונ בעסרע היראט ווערהענד זיא לעבט נאך מיט דעם ערשטן מאן (שפיל ואזיל בר אווזא ועינוהי מטייפין) . ווי דיזער פאל וואר ביי אביגיל דאס אלס זיא איז גקומן צו דעם דוד בעטן פאר איר מאן דעם נבל האט זיא אים שון גגעבן שטארקע ווינקע דאס זיא ווינשט צו ווערן זיין פרוי ;

דאס איז אלץ פון פרויען בדרך כלל דאה זענן דא פילע אויסנאהמע וואס דיא גמרא אליין ריהמט זיי ביז אין הימעל אונ אין אונזערע צייטן גיבט עס פילע פרויען וואס ערפילען דעם גרוסען ציהל פון דעם בורא ברוך הוא וואס ער האט גיהאט ביי דער שעפפונג פון דער פרויא . דאס זיא זאל זיין איינע טרייע גהילפין צו איהר מאן ווי דער פסוק זאגט (אעשה לו עזר כנגדו) דאך אבער זענן זייא פון דיא נאלטנהייטן אונ פארשווינדן בעהך דעם גרוסן צאהל פון די נשים רעות אונ דאחער איז פיל שלעכטע מיינונגען איבר זייא . נאך מעהר זענן זיי פיל מעהר מסוגל צו טאן בייזעס אלס גוטעס . מעהר קרענקונג אן צו מאכין דעם מאן אלס נחת . מעהר אום צוא בהענגן אלס צו פערשפארן . אונ דאס איז גאר דיא בעסטע פרוי אין גאטס וועלט איז ניט אים שטאנד צו טאן אזו פיל גוטס ווי פיל אשלעכטע איז אין שטאנד צו טאן בייזעס . ווייל זי הט אגרוס מאכט איבר דאס הארץ פון די מענער . וויא אונזערע חכמים זאגן (אשה כלי זיינה עליה) איינע פרוי הט איטער איהרע גיווערה ביי זיך . אונ זענן דער ביי נאר מער ניט ווי איין מענש וואס איז שון חוץ אלע זאכן גיגייגט פון דער נאטור מעהר צום בייזן אלס צום גוטן ווי דער פסוק

זאגט



זאגט (כי יצר לב האדם רע מנעוריו) שאדעט זיא דער מיט אין דער וועלט פיל מעהר אלס זיא פאריכט *) אונ אום דיר איינע בייזע פרויא איז אין דער וועלט דאמיט עס זאל דיר צו איינע לעהרע דינען דאס דו זאלסט דער הפך דער פון זיין וועל איך דיר דא פריער מעתיק זיין איין עטוואס פון דעם בן סירא (איין זעהר טייערר ספר) . אונ דער נאך וועל איך דיר דער ציילען איינינע ספורים פון שלעכטע פרויען . אונ דער נאך וועל איך ענדיגן מיט איינינע מוסר־אלישע ווערטער ;

(3)

4

איין עטוואס פון דעם ספר בן סירא איבר בייזע פרויען :

בן סירא קאפיטעל כ"ה (אין עצב מעצבת לב ואין איבה מאיבת אשה) . עס איז גיט דא קיינע גרעסירע בעטריבנים אלס דאס הערצענס בעטריבנים (ומרה שחורה) אונ קיינע גרעסירע פיינדשאפט אלס די פיינדשאפט פון מאן צו אשלעכטע פרויא

אין

*) דער יוסיפון שרייבט אין זיינעם ספר יוסיפון פרק ג' דאס אלס אונזר אידישער פרינץ זרובבל מיט נאך צוויי הויפטלייטע פון פערזיען זענן גשטאנען אוף דער וואכע אין דעם שלאפצימר פון דעם קעניג דריוש ניט ווייט פון דעם בעט אין וועלכן ער האט גשלאפן . האבן זייא זיך אויסלאנגווייליג גיפרעגט איינר דעם אנדרן זייער וויכטיגע פראגען . וואס איינע ווער דער פון וואס איז אם מעכטיגסטען אין דער וועלט , נון האט איינער גזאגט דאס איז איין קעניג , דער צווייטער האט גזאגט דאס איז דער וויין . ווייל ער בעמעכטיגט זיך זייער אפט אויך איבר אים . זרובבל אבר האט גזאגט דאס זענן די פרויען אונ האט עס באוויזן מיט גרוסע ראיות . אונ אלס דער קעניג הט זיך אויפגיוואכט האט ער מסבים גיוועזן צו דער דעה פון זרובבל .

HISTORICAL

(אין רע מראש נח״ש ואין חמה מחמת אשה) עס איז אין דער וועלט ניט דא שערליכרס אלס שלאנגן גיפט אונ קיין גהעסיגר וואוהט (כעס) אלס דער וואוהט פון איינר פרויא. (טוב שבת עם כפיר ותנין משבת עם אשה רעה) . עס איז בעסר צו הויזן מיט איינעם יונגן לייב אונ גיפטיגין שלאנג אלס מיט איינע בייזע פרויא. (כשצף קצף תשנה תארה ופניה קודרים כלבוש שק). נאר עפים פר דרייט זיא די גאנע אונ איר געזיכט ווערט פינסטר ווי איין ווישטוך. (בעלה נאנח בחברת רעיו ובהזכר שמה יראג לבו) . איר מאן זיפצט ועלבסט ווען ער איז אין איינר פריילכן געזעלשאפט אונ זיין הארץ ווערט פערקלעמט ווי נאר מען דער מאנט פאר אים איר נאמען. (אין רשעה כרשעתה ולו תהיה חלקת רשע) . קיינע רשעות גלייכט צוא איהרע רשעות. אונ איר מאן לייעט פון איר אפילו ווען ער אליין איז אוך ארשע. (אשה הומיה לאיש שלו כמעלה חול לרגלי זקן) . אפרויא אבאגענע איז פאר איינעם פרידליכן דאס זעלביגע וואס איין זאמדיגער ארויף בארג פאר די פיס פון איינעם אלטן מאן. (אל תחמוד יפיה בלבה ואהבתה אל תבקש) דאהער זאל מען קיינע לוסט האבן צו איהרע שונהייט אונ קיין פערלאנגען צו איהרע ליבשאפט (אשה מעשרת בעלה אין קץ לזדון מרון ובזיון) האט זיא נאך דער צו איינגיבראכט איין גרוס פארמעגן צו איר מאן דא איז שון קיין ענדע דא צו איר עזות. צאנק אונ זידלעריי. (תבואת אשה רעה דאבון נפש ופנים נועמים שבר רוח ורפיון ידים וברכים כושלות ושמחה אין) . זעלבסט די פרדינסטן פון אזו אשלעכטע פרוי פראוטערט דאס לעבן פון איר מאן. דען עס איז דארט אין הויז אומער פערדרוס הארצברעך. אפגעלאזענהייט. מוטהלאזיקייט אונ קיין פריידען (מיד אשה יצאה הרעה ובגללה כולנו גוענו) . אונ אלזו איז אוך דער גרעסטע אונגליק נאר דורך אפרויא אויף

דער



דער וועלט גקומן . אונ נאר דורך איר זעגן מיר שטארבליך געווארן. (אשה רעה בבית בעלה בצמד בקר קשה עורף מצאה מצא עקרב) . איינע שלעכטע פרויא איז אין דעם הויזע פון איר מאן דאס זעלביגע וואס אפאר נארוויסטע אקסן אין דעם שפאן פון דעם אקער :

(4)

איינע ערצייהלונג פון לוטס ווייב. אוך פון ישמעאלס ווייב :

מיר האבן דא פריער דער מאנט אין דעם פון דער גמרא דאס דיא פרויען לייזן ניט דיא אורחים וואס דיא מאנן לאדין זיי איין צו זיך אין שטוב. דיזע ריכטיגע במערקונג בשטעטיגט זיך דורך צוויי וואונדערליכע ביי שפילע פון אונזערע היילגע גשיכטן. איינע פון לוטס ווייב אונ דיא אנדרע פון ישמעאלס ווייב. לוטס ווייב האט גיט געוואלט אן נעמען די צוויי מלאכים וואס לוט האט זיי אריינגבעטן צו זיך אין הויז. זיא הט זיא דער האלטן ביי דער טיר אונ האט זיי ניט גלאזט אריין טרעטן וויטער אין שטוב. אונ הט זיי ניט געוואלט אביסל זאלץ צום טיש געבין. פארגוויס טייל זאלץ מאכט אפעטיט. אונ אלס דער מאן האט עס דורך אויס פערלאנגט האט זיא זיך פאר ענפערט דאס עס איז נאר וואס ביי איר אויסגיגאנגען. אונ אלס ער האט איר גהייסין לייען (בארגין) זאלץ ביי איינער שכנה האט זיא דיזען באפעל ניינעם בענוצט אלס איינע נוטע גילעגנהייט לוזן צוא ווערין דורך דעם פון איהרע דיזע לעסטיגע געסט. דען זיא איז גגאנגן פון הויז צו הויז אום צו לייען זאלץ אונ האט אוך דער ציילט אום אונ אום דאס זיא ברויכטעם פאר דיא געסט וואס איר מאן האט אריין גבראכט צוא איר אין שטוב. אונ האט אלזוי אויף גימאכט דער מיט די גאנצע שטאט. אונ מער וויא דאס האט זיא ניט

גדארפט

גיבארפט. דען ווייא דיא פרוסיטער זענען געוואר געווארין דר
פון האבין זייא זיך אלע צו זאמען גקליבין ארום לוטס שטוב
אונ האבין פון אים פארלאנגט דאס ער זאל ארויס געבין דיא
אורחים, נון וואר איר שטראף דאס זייא איז פערוואנדולט
געווארין אין איינע זאלץ זיילע. דיא אקסן אונ דיא ציגן לעקן
איר אפ אלע טאג ביז די פינגער פון די פיס. אונ ביי נאכט
וואקסט זייא אפ צוריק;

אין כמה יאר ארום נאך דעם אלס אברהם הט ארוס גטריבן
דעם ישמעאל מיט זיינע מוטר הגר פון זיין שטוב האט ער
אנגיהויבן צו בענקין נאך אים אונ עס האט אים אנגעוואנדולט
דיא לוסט צו זעהן זיך מיט אים. ער האט גלאזט צו ברייטן
איינען קעמעל אונ איז אוועק טיף אין דער וויסטעניי אויף צו
זוכן אים דארט. ער האט גמאכט איינע שווערע רייזע איבר
דעם גליהענדן זאמד ביז ער איז גיקומן צו זיין געצעלט וואס
וואר אויף גשלאגן אין מיטן פון איינעם פעלד, וואס וואר פון
גאט גזעגענט מיט אלעם גוטן; ער האט אבר גטראפן דארט
נאר ישמעאלס ווייב וואס האט גהייסן מריבה מיט איהרע
פיר קינדר. ישמעאל אבר אליין אונ זיינע מוטר ווארן ניכט
צו הויז. דען ער וואר ווייט אין דיזער וויסטעניי אויף יאכט:
היא פרויא אבר וואס זייא האט ניט גוואוסט ווער ער איז הט
אים נאך אמאל ניט געווירדיגט אריין צוא בעטן אים צו זיך
אין גיצעלט. אונ הט אים נאך אמאל ניט גטאן זיין פערלאנג
צו געבן אים אטרונק וואסר. זייא איז זיך גבליבן זיצן רוהיג
אין געצעלט האט אים מיט קיין זאך בעווירטעט. האט אויף אים
קיין בליק גטאן אונ האט ניט גפרעגט אפילו ווער ער איז.
דען זייא האט ניט גוואלט גאר וויסן פון אים. הט נאר גשאלטן
אונ גשלאגן די קינדר. אונ אויך דעם מאן ניט צו גיטן דער
מאנט. אונ דאס האט דעם אברהם העכסט גקרענקט. ער
איז



אין גבליבן זיצן אויף זיין קעמעל אונ האט איר ארוס גרופן
צו זיך אונ האט צו איר גזאגט, אלס דיין מאן וועט קומין
צוריק זאלסטו אים זאגין דאס עס וואר דא איין גרייזער מאן
פון פלשתים וואס הט זיך גוואלט זעהן מיט דיר. ער זעהט אוס
אזו אונ אזו, אונ איז גקליידעט אזוי אונ דיך בעפולין אויס
צו ציהען דיזען נאגעל פון געצעלט אונ אריין שלאגן אין שטאט
אים איין אנדערין נאגיל. אונ אלס ער הט בעענדעט זיינע
רייד האט ער אומגיווענדעט זיין קעמעל אונ איז צוריק אוועק
זיין וועג. דיזע פרויא וואס זייא וואר ניט ווייניגער דום וויא
שלעכט האט עס אפ דער צוילט אירעם מאן דעם ישמעאל
ווארט אין-ווארט אונ דאצו נאך אזו דייטליך אונ ריכטיג,
דען אן צונגענפערטיגקייט האט דיזער לאזען ווייב גאר ניט
גפעלט. דאס דער ישמעאל הט באלד פערשטאנן דאס דיזער
פרעמדער וואר עס זיין הייליגער פאטער, אונ עס האט אים
זייער לייד גטאן וואס ער האט ניט גהאט דאס גליק דאס ער
זאל אים טרעפן צו הויז. אונ נאך מעהר האט אים גקרענקט
וואס זיינע פרויא האט אים אזו גראב בעהאנדולט. אים. דעם
גרעסטן מכנים אורח פון דער וועלט ניט צו בעווירטען מיט
אקריגול וואסער ,,א דו לאזע פרויא" האט ער זיך צוא איר
אפגרופן דו גהערסט צו דעם גשלעכט פון סדום וואס האבין
זייערע טירען פאר שלאסן פאר פרעמדע דורך רייזענדע אונ
זענען באהער געריכטעטע גיווארין פון גאט מיט פייער אונ
שוועבל. א דוא ביסט איין שאנדען פלעק אין מיינער הוטע
(גיצינקט), נון האט דיך מיין גרוסר פאטער פאר דאמט (פאר
משפט) דורך דיין איינגענעם מונד. דוא זאגסט מיר אין זיינעם
נאמן דאס ער האט גיהייסן דיזעם נאגיל פון גיצעלט ארוס
ציהען אונ איינעם אנדרן אן שטאט אים אריין שלאגן. דאס
איז גימיינט איך זאל דיך פון מיינער הוטע פאר זאגן אונ
איינע

איינע אנדערע אן שטאט דיר נעמען , אונ דאס זאל דיר באלד געשעהן :

אונ האט איר אלווי באלד פאר זאגט אונ הט איר שטעלע באזעצט מיט איינע בעסערע פרויא . וואס וואר שון פיל גאסט פריינדליכער אלס דיא ערשטע . אונ בעהאנדעלט דיא קינדער פיל פריינדליכער אלס דיא אייגענע מוטער . אונ האט מיט דער צייט אויף גנומען דעם אברהם ביי זיינעם צווייטען בעזוך בין וועלכעם ער האט אויך ניט גטראפן דעם ישמעאל , נאר ניט וויסענדיג וועה דיזער מאן איז זייער פריינדליך אונ מיט גרוס עהרען . אונ דער אברהם האט אום געשאטן זיינען גאנצען זעגען איבער איר אונ איבער דוא היטע אונ איז אוועק פון דארט ווייטער צו פרידן אונ אונבעקאנט וויא ער איז געקומן . די פרויא האט עס דער נאך דער ציילט דעם ישמעאל אונ ער וואר דאריבער מלא שמחה , "דאס וואר מיין גרוסער פאטער" האט ער צו איר גזאגט . אונ גליקליך זענען מיר דאס ער האט אונזער הויז געבענשט . אונ עס וואר אלווי דארט פריידן איבער פריידן :

דיזע פריינדליכע אויפנאהמע הט געפירט צו איינעם גליקליכען פרידן צווישן דעם פאטער אונ זאהן , צווישן הגר אונ אברהם . דען אברהם האט באלד נאך דעם אפ גינומען דעם ישמעאל מיט זיינע הויז לייטע צו זיך אונ האט דיא ארויס געטריבענע הגר גנומען צוריק פאר א ווייב . אונ דער ישמעאל איז געווארן פרום דאס אברהם האט מקבל נחת געוועזן פון אים אויף דער עלטער . דיזע געשיכטע שטייט אין ספר הישר . דיא אראבער וואס זענען די נאכקאמענשאפט (דורות) פון ישמעאל דער ציילן דיזע געשיכטע נאך פיל שענער אונ ברייטער , זייא שרייבין דאס באלד וויא אברהם איז געווארן גוט מיט דעם ישמעאל האט ער אים געבויט פאר ישמעאלס פאמיליע וואס הט זיך זייער פאר מערט בחיין אונ האבן זיך בזעצט אין די גליקליכע

אראביען



אראביען (תימן) דעם גרוסען טעמפיל קאבא וואס איז אין דער שטאט מעדינא-אל-נאבי ער האט אין אים איינגעפירט דיא פערעהרונג פון דעם איינציגען גאט מיט קדושה אונ מיט טהרה . ער שטייט נאך דארט עד היום אין דעם העכסטען הייליגען גרוך :

אזו ווייט מיינע טייערע לעזערן קען ווערקען א פרויא אין איהרעם שטילן הייזליכען לעבן , ווי דעם הויז וואס דאס ווייב ווירטשאפט וויא איין טייוועל . גליקליך איז די שטוב וואס דס ווייב ווירטשאפט ווי איין איינגעל . דאהער זאגן אונזערע חכמים אין מדרש (בראשית י"ז) (והוי שהכל מן האשה) דאס הייסט דאס די פיהרונג אין שטוב ווענדעט זיך נאר אין דער פרויא (והלך זה ונשא רשעה אחת ועשתה אותו רשע) נעמט איינער איינע רשעת מאכט זיא אים פאר א רשע . (הלכה זאת ונשאת לרשע אחד ועשתה אותו צדוק) נעמט א פרומע פרוי א מאן א רשע מאכט זיא אים פאר א צדיק :

נון וועלן מיר עטוואס שרייבין פון לוטס ווייב וואס דער פסוק זאגט (ותהי נציב מלח) זיא איזט געווארן איין שטיק זאלץ ; דער ספר הישר זאגט דאס דיא אקסין אונ דיא ציגן לעקן איר אפ אלע טאג פון קאפ ביז דיא פיס אונ דער נאך וואקסט זיא ווידער אפ . זייא וויסען מיינע טייערע לעזערן דאס דאס איז נאר פיגורליך גזאגט (בדרך משל) דאס איז גמיינט נאר דאס נאך עד היום ווערט זיא דארט בערעט פון די פראסטע פרויען אונ מענער פון קאפ ביז דיא פיס . אונ ווערט אלע טאג דארט גברויכט פאר איין ביי שפיל פאר אזעלכע פרויען וואס זענען העכסט אונגאסטפריינדליך . ווייל אין יענע לענדער איז נאך עד היום די מצוה פון הכנסת אורחים זייער הייליג ווי עס איז בעקאנט צו אלע הייזנדע וואס רייזען אין יענע לענדר :

אשה

(5)

## אשה רעה מר ממות (בן סירא ה׳)

מיט איינינע הונדרט יאהר צוריק האט געוואוינט אין דער שטאט פעניא וואס ליגט אין אסט אינדיען איינע גוויסע פרוי וואס הט געהייסען (פאטירע) זיא וואר יונג, שיין, קלוג, רייך, פון גרויסען יחוס. נאר זייער ניט גוט, שטאלץ, נידריש, קורץ דער פון עס הט איר ניט געפעלט אלע מדות רעות וואס אונזערע חכמים רעכינען אויס פון איין אשה רעה. (סקרנית) אקוקערקע (צייתנית) אהארכערקע. (משמשנית) אטאפערקע. (פרסנית) איינע ליפערקע, און עס האט זיך מאקע ניט אין געהאלטען ביי איר אמאן מער ניט ווי אשניי וואס פאלט ארויס אין איינעם קאלטין פריהלינגס מארגין. און דאך פלעגין זיך צו געפינן אימער נייע קאנדידאטען (בעלאנים) צו הייראטען איר אויף דאס נייע. דען זיא וואר דאך זייער רייך און ווער גיט ניט אוועק דאס לעבען פאר געלט וואס דאס איז דער איינציגע מיטעל אום עס צו ערהאלטען. דער צו וואר זיא דאך אויך שיין. און ווער ווינשט ניט צו האבען אשיינעם טויט? און וואר אזו גאנץ און נאר מיט אלע אירע ביינער יענע פרויא וואס שלמה רופט איר אן אין זיין ספר קהלת (ואשר היא מצודים וחרמים לבה) דען זיא וואר פאר דיא מענער וואס אגיפעהרליכע פאלע (פאסטקע) מיט אפעטין ביסן איז פאר דיא מייז. און העטע עס געדויערט נאך עטליכע יאהר וואלט אין גאנץ פעניא ניט געבליבן קיין יונגער מאן. דיא רעגירונג וואר דאריבער אפילו העכסט בעדיינקלאך. דען זיא קען איר מיט איהרע גיפטיגע ליסטין דיא גאנצע לאנד פערוויסטין. און האט אלזוי גזאגט ער כאן. דאס הייסט זיא זאל שון מעהר ניט נעמען קיין מאן. דאך ווען מען הערט ניט אין ליבע זאכן זעלבסט. דעם ליבען גאט. נון ווער קימערט זיך שון אן די

מענשן



מענשן פערבאט, עס שטייען ביי די גרענעצין טויזינד וואכן און מען שלעפט דאך אריבער פערבאטענע זאכין. דער צו וואר זיא אזוי קלוג אין אירעם דאנק. ווייא דיא גיפטיגע קלאפערשלאנג. און עס וואלט פערגוויים קיינר געבליבן: דען עס וואר ניט איינער וואס זאל זיך אין איר ניט פארליבן. ווען עס וואלט ניט דעם טויט אליין ניט פערדריסן אזו פיל יונגע בלוט צוא פארגיסן. „א היזע פערפלוכטע בעסטיע" האט ער זיך אמאהל אפגירופין זיא ערמירעט מיך. איך בלייב איבער איר נאר אן קרעפטן. זיא ערמירעט מיך; איך וועל עס ניט אויס האלטין. דער צו נאך איז שון דארט אין יענעם עולם זייער ענג דאס דיא אונצייטיגע נשמות האבין זיך דארט שוין נאר ניט וואו אהין צו טאן. ער וואר אזו נייט פערבייזט אויף איר ביז ער האט זיך באשלאסין דאס אום צוא מאכין דיזעם אונצייטיגען שטארבן איינע ענדע זאל ער איר זעלבסט הייראטן. גרעט גטאן:

ער האט זיך אלזוי פארשטעלט פאר אשיינעם יונגין מאן און האט גלאזט שארכינין צו איר. שדכנים גוטע פריינד הט אים נוט גפעלט. דען זיא ווארן אים אלע בעקאנטע ווייל ער זעהט זיך זייער אפט מיט זיא ביא יציאת הנפש פון די שטארבענדע מענער און פרויען. אלס זיא ריידין שוין פון שידוכים מיט די באלד ווערענדע וויטווער און וויטווען (אלמן און אלמנות); זיא האבין אים פארגשטעלט איר גאר פאר אבחור מיט גרויסע מעלות. ער איז איר העבט געפעלן און זיא האט אים געהייראטעט, אין דער גאנצר צייט פון שבעת ימי המשתה וואר זיא גוט חאדוי צוא אגשוויר צו צו ליינן. און ער האט גמיינט דאס ער וועט שוין אויס לעבין זיינע יאהרן מיט איר און וועט שון מיט דער צייט זיין איר איינציגער יורש. דען פארגוויס ווערט חברה קדישא איר מייל מוחל

זיין

זיין. דען אלע קבורה געלטן וואס זיא נעמט איין איז דאך פריהער דעם קוברים נאך. דאס הייסט אפאר גיט פרישע קאטלעטן אדער גלאט איינע איבריגע געריכט אהער ביסען און דער נאך זיין הארעוואנע, און ווידער מארקירט זיא אום דאס ארעכטס זאל קוסטען גראדע פאר פסח. נון וועלין זיא פארגווים ניט אזו גראב זיין פון אים אגראשין צו פעלאנגען. און וואר זיך אלזוי צו פרידן העכסט צו פאר גנן מיט דיזער פארטי שיינע עטליכע וואכן. און האט אנגיהויבן צו האלטין אירע ערשטע מענער פאר גרוסע טונגעניכטצען. און האט זיי אלזוי מער פערראכטעט אלס בארועט. און האט זיך פערלעבט אפאר טוצענד גוטע טאגען:

דאך ווי דער אלטער שפריכווארט זאגט "דער (וואהן) טעות איז קורץ; דיא (ריי) חרטה אבער איז לאנג" אזו וואר דער פאל דא אויך. דען אין אמאנאט ארום נאך דער האכצייט האט זיך דיא סחורה אנגיהובן ארויס צו ווייזן מיט אלע אירע ניקען און זיטען און אין איה גאנצן קאלאר. דיא מינען אין איר גזיכט האבין זיך אנגיהובין צו ענדערין ווי דער אפריל וועטער. באלד ווארן זיי לוסטע. באלד פערמאטערט. אין אנפאנג איז זיא געווארן הונדערט מאל אין טאג ברוגז און גוט פריינד. און נאכהער האט דער ברוגז גדויערט גאנצע שטונדן און נאך שפעטר גאנצע טעג. זיא האט אנגהובין אים צוא געבן שמאלע ביסען. די צרה צו פערשטעקין אין קישן. ער האט איה גמוזט געבן חשבון פון יעדין פעניג. פון יעדר מינוט צייט. וואו איז ער געווען, מיט וועמן הט ער גשפראכן אויף וועמן האט ער גקוקט. און ווארום קומט ער שפעט. און ווארום ווערט ער פאר שוואונדן גאר, אז איה ווייזן, דער צו וואר צו גוויינט און צו גשאלטן. נאך אין אחודש ארום האט ער איר שון אנגיהובין צוא לעבין צוא לאנג. און האט

אנגהובן



אנגהובן צו ליידן פון לאנג ווייל. דען עס איז שוין מעהר אלס צווי מאנאטען דאס זיא האט קיין שרכן געהן אין דיא אויגין, דאס מוז זיין נאר אטייוועלי האט זיא ביי זיך גטראכט עס נעמט אים קיין סויל. מיין ווייגען און לאבין זעגן ביזא אים עפים ווי גלייכגילטיגע זאכן, און הט זיך אלזו גנומן צו אום מיט אלע אירע טייוועלשע קינצען האט אים אנגהובין צו שילטן, איבער צו קריטן. דעם רוקן צו צו קערן. זיינע עלטערן צו שילטן. צו פייניגן אים מיט אירע אויסגילאסינע ליבע. נאך מער מיט אירעם העלען (גיהנם) גוונר און מיט אירעם פינצטערן באבאקטער דען ווי זיא וואר אין גאס אגעמערע, זאנפט וויא אלאם, וואר זיא צוא הויז אין איר געגלעזע איינע משוגענע אפע. אין דר סיבע אויטהענדר (צארגינער) טייוועל איינע פייניגערן פון אירע דינסטן. איינע בעליידיגערן פון די רייגסטע טוגענד. אין אירע גיפטיגע צונגע האט ניט פערשונט די נשמות וואס זענן שוין אויס גליטערט פון הונדערט יאר. דער צוא נאך אין דער רעכטע האנט דער שפיגעל און אין דער לינקע דיא תחנות. נאט איטער אין מונד און לאסטער אין הארצן. נון אלזוי געגנג אורזאכע דם וועלכסט דעם טויט זאל פערעקלין זיין ברויט ביי אזוי אפרוי וואס באנעמט זיך אזוי, און וואר שון בשלאסן אלזוי צוא בראסייען איר. דען ער האט זיך בערעכינט דאס זיא נעמט אים ארום כוחות אין איינע נאכט מעהר אלס דאס שלאכטן פון אירע מענר איאר אכט. צום אומגליק אבר האט זיך ארייען געמישט אדריטער וואס האט אים פון דיזן שריט אפגיהאלטן. און דיזער דריטער וואר איין קינד. דאס הייסט ער האט בקומן צו וויסן דאס זיא איז שוואנגער. און דיזע נאכריכט האט אם גפרישט זיין גרולד. דען ווער ליבט ניט אקינד? און בפרט נאך דעם ערשטן און דער צו נאך אזו איינעם וואס זיין נאמען שטייט גשריבן אין

דעם

דעם היילינן ספר איוב פון יאר טויזנד (בכוה מותן) צום גליק וואר אים ווירקליך גיבאהרן אזון אונ צו איינער גלעגינער צייט דאס הייסט אלס ער וואר גאנץ ביידיג פון דער ארבייט . דאס הייסט אלס עס וואר זייער גרוסע שלאכטן אונ דיא מענשין האבן זיך אליין גמארדעט , אונ ער האט צייט געהאט אלזויא צו פערברענגן מיט דיזעם קליינעס . אונ האט שון ביזא זיך בשלאסן צו פערבלייבן צו ליב אים ביזא דעה מוטר ביז דם קינד וועט ווערין אלט איאר אכטצעהן . אום אים גוט צוא ערציהען , אונ אים צו געבן אפראפעסיאן אין האנט דם ער זאל האבן פון וואנען צו לעבין :

אונ האט אזוי פערבראכט דיזע גאנגע צייט מיט דיזער קסאנעטיפע (ביזע ווייב) אין שווערע נויט . דען וואס ליידעט מען ניט פון קינדערס וועגין , דען וואר דער חשק פון אלע לייטען , איבעראל ווערט דורך אקינד פעראיינגט איין ענטצוויטענם לעבין . אונ דא וואה דאס קינד נאר איינע אורזאכע פון נייעם צאנק , דען זייא טארען אונאייניג אין זייער ערציהונג ; זיא האט אים געוואלט ערציהען נאר פאר יענע וועלט אונ ער פר דיזע וועלט , "היזע וועלט איז איינע פאלשע אונ פערפירטע" פלעגט זי אימער צו זאגן . די פרויען זענן אלע פערדארבענע . עס איז גוט איינע ארעכטע דא אונטער זיין . איך ווינשע דאהער דאס אונזער קינד זאל בלייבן איין פרוש , איין היילינער מאן . צווייטינס ווער גלייבט זיך צו מיין יחום . ניט איינע איז ווירדיג מיינע אשנור צוא זיין . אונ ער פלעגט איר אימער ענטפערין ניין דוא רעטסט זייער דום . דער מענש וואס געהערט ניט צו דיזער וועלט האט אויך ניט יענע וועלט . דען זאנסט וואלט קיין מענש געבארן געווארן . צווייטינס וועלכע מוטער וויל עס ניט זיין מיט איר איינציג קינד אין איינעם . דוא וועסט דאך יענע וועלט געוויס ניט

האבין



האבין . אונ פון דער וועלט אין וועלכע דו לעבסט ווילסט דוא אים פארדרענגן . אלזוי וועסט דוא בלייבן אויף אימער פון אים געשיידען :

אונ אלזויא דורך דיזע אונאייניגקייט איז געבליבן דאס קינד אן תורה . אן דרך ארץ . אן בילדונג וויא אלע קינדער וואס ערציהען זיך ביא עלטערן וואס זענין אונאייניג אונטער זיך . אונ ערשט אין זיינעם אכטצעהנטן יאר אלס דר פאטר האט איינגזעהן דאס זיין פערבלייבן דא ווייטער פירט צו גאר גיכטס . האט ער אביין גרופן דעם זון צוא זיך אין גאבינעט אונ האט צוא אים גזאגט , ליבעס קינד זייא וויסין דאס איך דיין פאטר בין קיין שעפערליכע (בן תמותה) נאר דר טוידעס איינגעל (מלאך המות) איך האב דיינע מוטר געהייראטעט נאר אום זיך לייכטר צו מאכן . דען איך וואר מידע אירע טויזינד מענער צוא שלאכטן אונ האב מיך דורך דעם פיל מעה מיין לעבן פאר שלימערט . דען עס איז אונמעגליך איין האלבעס יאר מיט איר צו פערלעבן . נון וואר איך בדעה צו בראשייען איר שון אין דעם ערשטין האלבין יאר נאך אונזר חתונה . צום אונגליק פון אונז ביידן איז זיא דאן געווארן שוואנגר מיט דיר , אונ האב אלזוי אוים גליטן צו ליב דיר גאנצע אכטצעהן יאר , אוים גליטן וואס נאך קיין פאטר האט אוים גליטן פאר אקינד . אונ האב דיר נאך קיין גוטעס גטאן , איך האב דיך געוואלט אוים בילדען . האט מיך דיין מוטר געשטערט . נון איז מיר שון דא גאנץ אונמעגליך ווייטער צו פערבלייבן . דען ווער קען הויזען מיט איינער שלאנגע אין איינעם קארב . דאך טוט מיר לייד דיך אוועק צו ווארפן ביי אזו אפארדארבענע מוטר ניט פערזארגענדיג דיך מיט איינעם זיכערין נאהרונגסצווייג (פרנסה) ; דאהער וויל איך פעריכטן אין דיזער שטונדע וואס

איך

איך האב פערזאמט אין דיא אכטצעהן יאר. איך וויל דיך איצונד פאר א דאקטער מאכן:

אין איינע שטונדע פאר א דאקטער מאכן? האט זיך דער זון אפגערופן, וויא איזט עס מעגליך. לייט שטודירען אויס דאקטער קוים אין צוועליף יאר. אונ דער נאך הונגערט מען כמה יאר ביז מען ווערט רענאמירט (מען בקומט א שם).
„דו ביזט א קינד״ האט זיך דער פאטער אפ גירופן. איך וועל דיר געבן איין רעגעל (א כלל) וואס דו וועסט מיט אים מאכן זיך א גרויסן נאמן פאר א גרויסן דאקטאר. מער אלס יענע וואס פערברענגען אויף דאקטעריי גאנצע צוואנציג יאר. די דאקטורים וואס שטודירן אויס אין די היינטיגע צייטן קענען מיר נאר וואס אונטער העלפן אבער ניט שטערן. דער וואס דארף ניט שטארבן קען ווערן גיכער גזונד און זיי *) דיא הויפט זאכע ביי איינעם קראנקן שפיל איך אליין. איך האב עס קיינעם ביז אהער ניט דערציילט. דען איך בין ניט ביין מאמע, צוא שטערן דעם אנדערנס פרנסה איז ניט מיין זאך. דער שפריכווארט זאגט לעבע אונ לאז לעבן. אלזוי מיין קינד הער מיך אוים פערקליידע דיך פאר א דאקטאר, אין איינעם סארדורטען (מיט גאלד בעליינט מאנדר. אונ אין א גיפודערטן פארוק מיט א קורצן רעגן ביי דער זייט אונ פאר א וועק אין איינע אנדערע שטאט. דען נאך איז קיינר גווארן א פראפעט

אין

*) אונטער דיזען קריטיק איז נאר גמיינט דיא דאקטורים וואס נארען מיט איינע הונדערט יאהר צוריק. דאס הייסט אין דער זעלבע צייט וואס איז באשירט אין אנפאנג פון דיזער גשיכטע. כאן נארען דיא ערצטע נארישע שארלאטאנען וויא צום ביישפיל דיא קוואקזאלבער אונ דיא ווייבערען אין אונזערע צייטען:

EXPLANATORY

לעבן פֿון זײַן דאָקטער״



פייגל דער גלגול

אין זיינעם איגענעם ארט. אונ גיב זיך אוים דארט פאר א גרויסן דאקטאר. דוא זאלסט גיין צוא יעדין קראנקן נאר צוא קיין קאנסולעם. דען דו קענסט קיין לאטיין שרייבן. אונ ווען מען וועט דיך באריכר פרעגן זאלסטו זאגן. איז מעגליך נאר צוא העלפן בין איך דעם קראנקן אליין גינוג. איז ער צום שטארבן ברוך דער טויטעם איגעגר קיינעם הילפע. אלזוי מוזט דוא איין דאקטאר זיין ביי דיין יעדין קראנקן אויך אום איינעם אנדרין גרונד. מען זאל וויסן דאס נאר דוא האסט אים גהאלפן אונ קיין אנדערער. אונ אום דיין נאמין נאך גרעסיר צוא מאכין. זאלסט דוא זיך ניט בגיין מיט דיינעם קראנקין נאך דיא אלטע מאניהין. אונ נעמן אים פאר דעם פולס. קוקין אים אויף דער צונגע. גיין. מאך דער פון נאר קיין גיברויך. דוא זאלסט באלד וויא דוא וועסט ארין קומין צוא אים אין שטוב. זאלסט דוא באלד באמערקן וויא איך שטיי דארט. דען עס פאר שטייט זיך דאך דאס איך גפין זיך איין ביי יעדין קראנקן וויא דער מוהל מעסיר ביי יעדין קינדבעטקינד. אדר וויא איינע הייבאם ביי יעדר גיווינערין. וועסט דו מיך טרעפן דאס איך שטיי ביי דעם חולה צו פיסן מעגסטו זיכר זיין דאס ער וועט לעבן אונ וועט בלייבן אויך. אונ דאן פערשרייב אים א רעצעפט שמיאלע. קאבעבע מיט לאקריץ. נאר ניט גיפט. ער וועט שון ווערן גזונד אונ אויף דיין רעכנונג. וועסט דו מיך אבער טרעפן ביי דעם חולה צו קאפן. שלעכט ער מוז שטארבן. אונ דאן זאג אים אפ דאס לעבן. טונק קיין פעדר ניט איין. דען דו וועסט אים גווים ניט העלפן. אונ מען וועט מוציא לעז זיין אויף דיינע רעצעפטן מעגסט זיכר זאגן דאס ער וועט שטארבן דען עס וועט אים שון קיין אנדערער ניט העלפן. אונ וייל שטארבן שטארבט דאך איינער פון הונדערט קראנקע. אונ דיא איבריגע ווערן

גזונד

קראַנקער מיט לײַדנשאַפֿט

גזונד וועלן דיינע רעצעפטן באקומען אגרויסן נאמן . און דוא
וועסט ווערן רייך . און אלזוי מיין קינד בלייב מיר גזונד ביי
דיינעם ערשטן קראנקן זיך ווידר צו זעהן גזונטערהייט ;

„דאך ליבר פאטר ניט אזו איבר אײלט״ האט זיך דער זון
אפגירופן . האסט דאך מיט מיינער מוטער פארלעבט באלד
ניינצעהן יאר און . מיט איר אקינד דער לעבט . וויא קענסטו
אזו אונפריינדליך זיין אוועק צו גיין ניט געהעריג אפשייד
פון איר ? א ליבעם קינד האט אום דער פאטר גיענפרט . איך
קען עס ניט טאהן אום צוויא אורזאכן ; ערשטינס האט מיך
דיין מוטר שון אזו נייט אנגעקולט דאס איך קען מיט איר שון
ניט אמינוט אונטר איינעם דאך זיין . איר הויך איז מיר איין
פעסט . איר קוק איז מיר באזעליסקען בליק *) גענוג . מיין
גידולד האט שון באנקראטירט . זעלבסט איר נאמן איז מיר
שון איין גרייל . און צווייטינס ווילט זיך מיר מאכן איין פאר
איינע ענוה . באמת זיא זאל ניט ווידר אנהייבן צו הייראטן
און איך וועל ווידער ווערן בעלאסטעט מיט ארבייט איבר
האלדז און קאפ . אדיו מיין קינד און לעבע וואהל , אוסהיידנדיג
דוא ווערטער האט ער אנגינומען זיינע פאריגע שרעקליכע
גשטאלט . בדעקט מיט טוזנד אוגן . אויף דעם רוקן די לאנגע
פליגער . מיט וועלכע ער פעכילט אן גראהייט אין דעם
מענשינס האר **) אין זיין הענטע האנד דעם שלאכט מעסיר

אין

*) דאס איז אזוי אמין שלאנג וואס דיא אלטע וועלט האט
גגלויבט דאס ער איז ממית מיט זיין בליק ;

**) דער זין פון דיזע ווערטר איז דאס צוא דר עלטר איז
דער טוט שון אזו נאהינט פון מענשן דאס ער פאכט אין זיינע
האר אבוין די פוך פון זיינע בפירדרטע פליגעל . דאס זעלביגע
זאגט דר מדרש אין קהלת אויף דיא ווערטר ושבתי ואראה זו

LINGUISTIC

MORALISTIC



אין דר לינקע האנד די דרייערלייא גאלין . און הט גטאן אפליא
אין דער לופטין . און נאך אים איז גבליבן אגערוך וויא פון
די גריפטין (קברים) . דער זון איז גבליבן שטיין קאלט וויא
אשטיין פון שרעק . אגאנצע שטונדע האט ער זיך ניט גרירט
פון ארט . און ערשט דער נאך האט ער זיך אנגיהובן צוא
בדענקן וואס פאר אשלעכץ דיא מיטעה איז , דאס דער בעל
דבר (מלאך המות) אליין האט מיט איר ניט גקענט הויזען ;

דער זון איז גבליבן טריי דעם פאטערס צואה . האט זיך
פערקלייזעט פאר אדאקטאר און איז אוועק אין איין אנדערער
שטאט . הט בנוצט דעם פאטערס כלל (רגל) און הט אנגיהובן
צוא האבן גרויס פראקטיס . דען מען האט אים גהאלטן גאר
פאר אגעטליכן מאן . און האט אלווי מאסף ממון גיוועזן און
איז גיווארן אגרויסער עושר . נון האט זיך גמאכט דאס אין
אפאר יאר איז קראנק גווארן דעם קיניגס טאכטר . דאס עס
האט איר קיין דאקטאר גקענט העלפין ; ביז צום לעצטן איז
גרופן גווארן אהין אונזער יונגער דאקטאר דער בכור מות .
נון פארשטייט זיך דאס ווען דא זאל גליקן שמעקט עס מיט
טויזענד דוקאטן . צום אונגליק אבר האט ער גטראפין דעם
פאטר דארט צו קאפין ; און ביי אלעם דעם האט ער פארט
גנומן דיא פעדיר אין האנט צו שרייבן ארעצעפט ; דער פאטר
וואר אויסער זיך פון צארין , און האט אים גגעבן אווינק נאך
אווינק דאס ער זאל זעהן דאס ער שטייט צוא קאפין . און

ער

אידרא דמלאך המות) . דאס הייסט אלס איך בין גווארן אלט
(פון דעם לשון שבח) האב איך מיך ארום גקוקט , און דם איז
דיא פוך פון דעם מלאך המות . דען אידרא איז דער טייטש
אין ארמית פוך . דאס איז גמיינט דער מענש הייבט זיך אן
ערשט ארום צו זעהן אלס ער ווערט גראה ;

ער זאל אויף הערין צוא שרייבין . דער זון אבער האט אים צוריק געווינקען דאס ער זאל אפ טרעטין גאר אין גאנצין פון שטוב . דען די מוטער וועט דא באלד אהיין גיין . קוים האט ער אנגימערקט וואס דער זון מיינט . איז ער אנטלאפין פון דארט אזו אהין וויא פערפער וואקסט , אונ די פרינצעסין איז געווארן גזונד אונ פריש . נון איז דער פון צו זעהן דאס איינע אשה רעה איז פיל שלימער אלס דער טויט ;

פיין !!

(6)

איין קליין ביישפיל פון דעם וואס אונזערע חכמים זאגין דאס די פרויען זענין דברניות (פערפלודערקעס): אגוטין מארגין אייך ליבע האנעלע ! האט זיך אפגירופין א שכנה ביי טאג איינע גוויסע פעסעלע צו אירע פריינדין וואס איז גגאנגן מיט דעם קרבן מנחה סידור אין שול . ווייסט איר פון וואנען איך קום ? איך קום איצונד פון איינע קינפעטארין . פון מרים די מארגיצע די עלעגאנטקע . ערשרעקט אייך גאר ניט . געכטין ביי נאכט (זאל מיר גאט מוחל זיין) האט זיא געבאהרין איינגעלע מיט האזישע אויערין . א דינע שמאלצע פרויא . וואס האלט זיך שענער אונ קליגער פאר אלע אנדערע פרויען ! איך דארף אפילו ניט ריכטן . דאך דאס איז ארוים צו זעהן שיינבארליך (דלא עביד קודשא בריך הוא דינא בלא דינא) דאס גאט שטראפט ניט אומזונסט ; דאך בעט איך אייך ליבע האנעלע דער ציילט דער פון נימאנדין . עס וועט הער מיט דיא שטאט באלד אן אונז פול ווערין . נאר איך דער ציילע אייך באמית איר זאלט וויסין דאס איך האב געוואוסט דער פון פריער פאר אלעמען ;

דיא האנעלע איז אוועק פון איר זייער שנעל פול מיט דיזער שרעקליכע נייאיקייט וויא א קוה מיט איינגישפארטע אייטער אום אוים צוא לערין עס (אוים צוא לייהיגן) אין דיא אויערין



אויערן פון אירע פריינדין נאחעלע . זיא הט איר זייער פריינדליך געגריסט , אונ האבן באלד ביידע צו זאמען בארעט די פרויען וואס באריידן . אונ האט שון אנגיהויבן צו מאכן אמינע אוף אוועק צו גיין . נוא ווארום ? וועסטו דאך מיינע לעזערן מיך פרעגן . אוייבערשער געוואך אזו קורץ ? אונ דער צו נאך ניט דערציילענדיג אזוי אוויכטיגע נייאיקייט . צו ליב וועלכע וויא מיר ווייסין וואר איר גאנצע קוסין ? וואונדרט דיך ניט מיינע טייערע לעזערין באריבה . זיא האט גאר די מינע גמאכט אוף אוועק צו גיין , נאך אבער זיא איז ניט אוועק גגאנגן : זי וואר שון וויא מען דערציילט . לעבן מיר , דיא האנט האט שוין בעריהרט דיא קלאמקע . אונ איין , ניט גזונד ! האט שון גשוועבט אויף איר צונג , האט זיא זיך אמאפנטאן צוריק צו דורך אצויבער מאכט ערגריפען . אונ האט גיזאגט מיט גרוים האסט . יוא אין מחשבותין איך האב אייך נוים מיט צוא טוילין . דיא מרים . גאט זאל מיר מוחל זיין . האט גיבאהרין דיזע נאכט איין עכט טייוועלשע קינד . דס גזיכט איז בוואקסן מיט האר ווי ביי אהאז . ווי א שנאבול פון אקארסין איז דער נאז : אונ האט אפוס ארוימע מיט אפערדישע קאפיטע . מען זעהט שיינבארליך דס דאס איז איין שטראף געריכט גאטס ; דאך עויל די מרים ווינשט דס דאס זאל בלייבן בסוד זאלט איר דער פון ניט ריידן . אונ זיא האט עס איר פאר שפראכן : אונ האט דארום באלד עס איינע אנדערע דער ציילט . איינע גוויסע ריוועלע די פרומע . אונ האט נאך צוא גלייגט דעם קינד איינעם פוקסין עק . נון וויא פארשטייסט דוא מיינע טייערע לעזערן . ווי די ריוועלע האט זיך איינגיהאלטן . זיא הט עס באלד דער ציילט אין שול פר אלע שמור לבוקרניצעם מיט אקליינעם צו לייג נאך דער צו . דאס דאס קינד האט נאך אפאר קליינע הערנער , אונ דיא טוהלים ווילן אים ניט

טל

COMIC MONOLOGUES ILLUSTRATING WOMEN'S URGE TO GOSSIP.

מל זיין . אונ דיזע צוגנגענפארטיגע פרויען וואס האבן אויך פערשפראכין צו שווייגין האבן מיט דיזעם פאצט די שטאט אוף גימאכט . דאס נאך מנחה וואר שון ניט איינר וואס האט דער פון ניט גוואוסט . אונ יעדע מוטער האט מיט דעם איר טאכטער בוויזן וויא שווער דיא האכמוטה ווערט בשטראפט . אונ דאס האט אנגימאכט דאס עס ווארין אוים גטאן טוזינדע קרינאלינעס בעפאר עס איז גווארין נאכט :

pride

אויף מארגין האט זיך דער וואוסט פון דיזעם קינה דיא אקארעמיע . אונ דיא פראפעסארין זענן גקומן צו דער מרים אום צו זעהן דיזעם מיסגעבורט (אורואר) . אום עס צו בשרייבן אונ אפ צוא מאהלען . אדער נאר ווען עס טויט איז אין שפירוטעס איינצושטעקין . זייא האבן אבר זיך גפונין דארט גאנץ בטראגן דאס קינד וואר אקינד וויא אלע קינדר . שיין פון גישטאלט . נאר איין אויער וואר עטוואס לענגער :

(7)

(איין עטוואס צו לויב דער פרויען אונ מיידכען)

ביא אלעם דעם טויכען אויף (טוגען זיך אויף) אין דער וועלט גשיכטע פרויען פון גרוסען כאראקטיר וואס האבן זיך אוים גצייכנט מיט גרויסע טוגענדין . עס איז דער פון דא צו שפירין זעלבסט אין אונזערע כתבי הקודש . אונזערע חכמים זאגן דאס דיא פרויען האבן קיין אנטייל גהאט אין דעם עגל דיא אשה פון דער שטאט אבל האט מיט איר חכמה גרעטעט די שטאט . אזו גפינן מיר דס יהודית הט גרעטעט ירושלים פון אלפורנעס האנד . דיא שענסטע פראבע פון פרויען הערצין ליפערט (גיט) אונז די גשיכטע פון דיא פרויענבורגישע ווייבר דיזע שטאט האט גהאט דאס אונגליק באלעגערט צו ווערין פון איינעם דייטשן קייזער . אונ ווייל זיא האט זיך זייער שטארק גווערט געגן אים אונ עס האט אים גקאסטעט זייער

פיל



פיל בלוט ביז ער האט איר איינגינאמין . האט ער גגעבין אבעפעל דאס מען זאל אלע מאנסלייטע אוים מארדען ביז איינעם . אונ דיא פרויען האבן דאס רעכט אפ צו ציהען פון שטאט אונ טראגין מיט זיך וואס איהנן ליב אונ טייער איז וויא פיל זיי קענן . עס וואר דער צו גגעבן קוים איינע נאכט צייט אין וועלכע די פרויען זאלין זייערע פעקלאך צו רעכט מאכין אונ אפשייד צוא נעמין פון זייערע מענער . איינע שרעקליכע נאכט . דאך נאך וואר קיינע אזו גוט בנוצט אלס דיזע דארט . עס וואר אין דער שטאט גוויינט נאר טוזענדע שידוכים גשלאסן . אונ אין דר פריא אלס דיא טויערן ווארען גיעפינט . זענין ארוים טוזינדע פרויען אונ מיידכען גבייגט אונטר שווערע לאסטין זיי האבן אבר ניט גטראגן רייכטהימר קליינאדין . גאלד אדר זילבר . ניין בהיטע גאט . יעדע פרוי האט גטראגן איר מאן אונ יעדעם מיידכען איר חתן . רייכע טעכטער פון אדעל האבן גשלעפט אוף זיך ארימע קנאבען . דער קייזער איז גקומן זעלבסט עס צו זעהן . אונ לויט זיינעם פערשפרעכן דאס עס איז יעדער פרויא אונ מיידכין ערלויבט צו רעטירין וואס איר בליבט איז . האט ער גמוזט פארשונין דאס לעבין פון אלע מאנסלייטע . ער האט זיך ניט גקענט אפווערין פון לאכין אונ וויינען . אונ האט גזאגט קלוג וואר נאר שלמה וואס ער האט גזאגט (כי עזה כמות אהבה) . דאס די ליבע איז מעכטיג ווי דער טויט אונ איז אזו קיין לערער נאהן (דמיון שוא) אונ האט זיי אלעמין גשענקט דס לעבן :

SCHILLER

שילער דער גרויסער דיכטר (משורר) פון דייטשלאנד וואר אגרויסר פריינד פון פרויען . ער שפריכט אין זיינע בעריהמטע ווערקע זייער פיל גוטעס פון זיי . עס גפינט זיך אין זיינעם ערשטן טייל איין געדיכט (ליד) וואס אין בטיטעלט מיט דעם

עהרען

עהרען נאמען ,,ווירדע דער פרויען״ . איך קען דא אבער קוים איינגע ציילען פון אים איבער טראגן . ווייל ווייטער גייט עס זויער הויך אונ ערהאבן ; וואס אונזערע אידישטייטש (ווארגאן) אין ניט אום שטאנדע עס איבער צו זעצין . אונ אויך דיזע געציילטע ציילען וועט דיר אויך ניט לייכט זיין אויפצופאסין :

עהרעט די פרויען ! זיי פלעכטין אונ וועבין
הימעלשע ראזען אינם אירדישע לעבין
פלעכטין דער ליבע בעגליקענדעם באנד
אונ אין דער גראציא ציכטיגן שלייער
נאהרין זיא וואכזאם דאם עווינע פייער
שענער געפיהלע מיט היילינער האנד .

אונ אזוי איז פון משלי . דר ספר בן סירא מיט לוב שפריכע איבר גוטע פרויען (ולמשל בית והון נחלת אבות ומה׳ אשה משכלת) . הויז אונ גוט איז איינע גאבע פון עלטערן . אגוטע פרויא איז נאר פון גאט . (ומצא אשה מצא טוב ויפק רצון מה׳) ווער איינע גוטע פרויא בקומט דער האט איין שאץ געפונען , אונ שטייט פארגוויס אין גרוים גונסטין ומילאסט ביי גאט . אונ אזו נאך מערערע . נון קומט עס אן דארויף צו וויסין וואס הייסט איינע גוטע פרויא , דיזעם מיינע טייערע לעזערן איז צו געפינן אין אשת חיל . דאס הייסט הויפטזעכליך איינע גוטע ווירטין צו זיין . אמוטער צו דיא קינדר . צו ערציהען זיא אין גאטעס פארכט צום נוצען פון דער וועלט . מעהר פאר אלין אבר צו זיין אגוטע אונ אטרייע פרויא צום מאן . דאס זיא זאל אים זיין אין איר גאנצין לעבין גאנץ ערגעבן . ווי דיא

גמרא



גמרא זאגט (איזו היא אשה כשרה העושה רצון בעלה) . איינע רעכטע פרויא הייסט נאר יענע וואס איז ניט דער ווידר דעם מאן . וויל איינע פרויא ניט בלייבין איינע אלמנה פאר דער צייט . זאל זיא זיך אויף פירין מיט דעם מאן וויא אלייט , דען מיט גוטען בעגיין זיך מיט אים פערלענגערט זיא אים דיא יאהרין . וויא דער בן סירא זאגט ,,וואול דעם מאן פון איינע גוטע פרויא . דיא טאגע פון זיינעם לעבין זיינה אים געטאפילט . אונ פערקערט אין זיא אים מקצר זיין לעבן . וויא שלמה המלך זאגט (ורקב בעצמותיו מבישה) איינע שלעכטע פרויא צערנאגט (פרעסט דורך) דעם מאגן ביינר ווי די מאל איין וואלענעם קלייד , אונ כאן חלילה האט זיא צורה וויא די בינע נאך איר גיפטיגן בים ; *)

שלמה זאגט אין זיין אשת חיל (לחם עצלות לא תאכל) איינע ארענטליכע פרויא עסט ניט ביי איר מאן אומזיסטע ברויט נאר אוים דעם וויל דער מאן האט זיך מתחייב גוועזן צו געבן מזונות . ניין זאגט ער . (וצופיה הליכות ביתה) זיא בעשעפטיגט זיך נאר מיט אירע הייזליכע ווירטשאפט . נון איז צו בדויערן אונזערע היינטיגע מוטערס וואס זייא מאכין פון זייערע טעכטער ליטעראטקעס (הויכגילערנטע) אריסטאקראטקעס (איידעלע פריילינס) דער ציילין פון אסטאינדיען

פון

*) דיא בינע אונ, אזוי אויך אלע אנדרע גיפטיגע אינזעקטען (פליגען) שטארבן באלד נאך דעם ווי זייא געבן אבים . ווייל עס פארברעכט זיך דער ריסעל זייערע (שטאכעל) אונ בלייבט שטעקין אין דעם מענשינם לייב . אונ דאס איז דיא אורזאכע פון דעם שמערצליכין אנרייסין . אונ זי אליין שטארבט פון הונגער דען זיא הט שוין ניט מיט וום צו זייגין אירע נאהרונג :

פון אמעריקא אדער פון פאריז דיא מוטער שטאט פון אלע
מאדען . ווייסין אבער ניט וואס טוט זיך אין קיך אזו ווי זיא
ווייסין ניט וואס טוט זיך אין שול *) אונ בלייבין אזוי
אשווערע לאסט אויף זייערע מענער וואס על פי רוב זענין
זיא אליין גאר קיינע קענער אונ קוקין אריין אין די ווייבס
ביכער וויא אין די בני אדם דיא הענעה ;

וועלכעס דער גרויסער שילער דער פערעהרער פון דיא
פרויען , בעדויערט אזוי אזויב אין דעם געדיכט (ליד) ,,דיא
בעריהמטע פרויא" ער דריקט זיך דארט אין אים אזוי אויס ,
זיא איז איין שטארקע גייסט אין איינעם צארטען לייב ;
,,דאס הייסט אגרויסער פארשטאנד אין אשוואכין קערפער"
איין צוויטער נור צוא ווישין מאן אונ ווייב" איין צוויטער
הייסט דאס וועלכע וואס ביי אונז הייסט אטומטום וואס איז
קיין זכר אונ קיין נקבה אונ געהערט ניט אלזוי ניט צו איינעם
פון ביידע מינים (געשלעכטער) . אונגעשיקט צום הערשין אונ
צום ליבין . אזוי אפרוי וואס איז צו וויט געבילדעט קען ביידע
זאכן שוין ניט . ניט הערשין איבער דעם מאן . ווייל זיא איז
דאך מער ניט וויא אפרויא מיט אשוואכין קערפער . אונ אויך
ניט ליבען ווייל עס שטייט איהר שון ניט אן . עס וויל זיך איהר
צייגין אלס פילאזאפקע . איין קינד מיט איינעם ריזענוואפען"
זיא זעהט אויס ווי אקינד וואס האלט אין האנד איין גרויסעם
געווער וואס דארף אים האלטין איין ריזע . אונ דאס איז
גמיינט

*) צו שאנדע פון אונזערע בלעבטע צייט ווייסן ניט אונזערע
גיבילדיטע מיידכען אונ פרויען וואס צו דאווינען אונ וואס צו
בעטין , אונ פינדעט זיך אין דר שול אין וועלכר מען קומט נאר
די מאדע צייגין ווי איינע אנדעהם גלויביגע ;

SCHILLER

נ.ב.

MORALISTIC



ינט דיא קריטישע פעדער אין פרויענהאנד ,,איין מיטעלדינג
ן ווייבען אונ פון אפפען" אזוי אפרויא איז אזו אבאשעפעניש
וואס האט דיא מעלות פון אנגעלערטין אונ די חסרונות פון
איינער אפפע . אונ דאס הייסט איין מיטעלדינג . אונ גמיינט
איז דער מיט זיא מאכט מער נאך די געלעהרטין אלס זיא טוט
נים פון איינינעם פרשטאנד ,,דעם שענערן געשלעכט ענטפלאהען"
זיא האט זיך אויס געשריבן פון דער פרויענאימקאסקע וואס זיי
ווערן אנגירופין ,,דאס שענע געשלעכט" . אונ פון זיי אנטלאפין .
דען זיא רעכינט זיך גאר פאר אמאנסבילשען קאפ ;
,,הערהאבגעשטירצט פון איינעם טהראן" זיא איז אראפ פון איהר
מלוכה . דען איינע שיינע פרויא איז דאך ווירקליך געלויבט אונ
געשעצט וויא איינע קיניגין וואס זיצט אויף אטהראן . נון איז זי
דורך איהרע בילדונג פון דיזעם טהראן הערונטער געפאלן . דם
איז גמיינט דאס איינע הויכגעלערנטע פרויא זעהט אויס מער
מאניש אלס ווייביש , אונ פארלירט זייער פיל פון איהרעם
ווייבליכין הייץ וויא יעדער געלעהרטער פון מאנס לייט ודאס
הייסט קלווינעזאמטע ;

אין חינא איז דיא זיטע (מאדע) דאס מען טראגט נאך דר
כלה אלס זיא גייט איבער פון איהרע עלטערינס הויז צום מאן
איר שפינרעדיל . איר וועבגיצייג . אונ נייע טיש.מיט, מוזיק .
ביי אונז ווערט מען מיט דר צייט נאך טראגין אהאלב טוצענד
דיקצענערן . אפאק נאטען . דער צו נאך איינען פערשטימטען
פארטערפיאן . פאר וועלכע דער מאן וועט מוזען דינגין אבזונדר
זאל . גיין טייערע רעווערין . מיר דארפן צוואר אונזערע טעכטר
ניט מאכין פאר אונוויסענדע , זיא דארפן פארשטיין רוסיש ,
עטוואס טייטש . שרייבן רעכינן אונ דאוונען גינוג . מעה דער
פאר . אין פאח דיא ווירטשאפט אנגיאר . אגאריל אין האנד .
פאסט

DIK LASHES OUT
AT THE NEW CLASS
OF SOPHISTICATED
WOMEN

פַאסְט פַר דֶעם גְרֶעסְטְן שְׁפַאנְר. פִיל מֶער אַלְס אֵיינֶע פֶערְטֶער. אִין דֶער הַאנְד פוּן אֵיינֶע דַאמֶע וָואס בֶּעזִיצְט דִיא בֶּעדֶער:

# ענדע


דיזען ספר, אויך אללער האנד ספרים פון אללע מינים, פון ש"ס, משניות, רמב"ם, ביז קליינע ספרים, בעקומט מען צו קויפען ביא ר' יצחק קאפעלאוויטץ, מחזיק סקלאד גדול של כל מיני ספרים בק"ק דינאבורג.

אדרעס למכתבים

И. Копелевичу. въ Динабургѣ.